# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת נצבים, כ"ז אלול, שנת תשפ"ה לפ"ק, אבות פרק ה'-ו'
שנה 14, גליון 50 (718)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................6:39
מוצאי שב"ק....................8:08

**שיעורים כסדרן**
נ"ך............................דניאל ט'-י'
בבלי...........................זבחים ו'
ירושלמי......................סוטה י"ג
תוספתא.......................ערכין א'
רמב"ם............שאלה ופקדון ח'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם, רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רי"א) אַז מְ'קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ רֵיינֶע מַחְשָׁבוֹת, צוּ אַ קְלָארֶע מֹחַ, נָאר דוּרְכְ'ן זַיין מְקוּשָׁר צוּ צַדִּיקִים, אוּן מִיט דֶעם וָואס מְ'הָאט אַ רֵיינֶעם מֹחַ, מִיט דֶעם אִיז מֶען מַמְתִּיק אַלֶע דִינִים, אוּן דֶערִיבֶּער פָּארְט מֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ צַדִּיקִים, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען דָאךְ אָפּ אַלֶע דִינִים פַּארְ'ן גַאנְצְן יָאר, אוּן אַז מְ'אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי אַ צַדִּיק, בַּאקוּמְט מֶען אַ רֵיינֶע מַחְשָׁבָה, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען מַמְתִּיק דִי דִינִים פַּארְ'ן גַאנְצְן יָאר. וֶוען מְ'אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי אַ צַדִּיק, קוּמֶען זִיךְ דַאן צוּזַאם דִי דְרֵיי "רָאשִׁים", יֶעדֶער קוּמְט מִיט זַיין "רֹאשׁ", מִיט זַיין קָאפּ, צוּם צַדִּיק וָואס עֶר אִיז דֶער "רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", אוּם "רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

וָואס מֵיינְט אַ רֵיינֶע מֹחַ? וֶוען מְ'אִיז זוֹכֶה צוּ טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְ'הָאט אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אַז סְ'אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע קְלֵיינֶע אוּן גְרוֹיסֶע זַאךְ וֶוערְט נָאר גֶעפִירְט דוּרְכְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אוּן אַלֶעס אִיז נָאר פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וֶוען אַ אִיד הָאט אַזַא קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, דַאן וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶע דִינִים, עֶר שְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלְץ מִיט אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאגְלֵייט אִים אוּן הֶעלְפְט אִים אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט, אוּן מִיט דֶעם קֶענֶען עֶר אִיבֶּערְקוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס עֶר זָאל נָאר הָאבְּן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט אָבֶּער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם, דַאן הוֹייבְּט זִיךְ אָן אַלֶע שְׁוֶוערֶע דִינִים, דֶער מֶענְטְשׁ מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג זִיךְ צוּ בַּארוּאִיגְן, עֶר וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט פוּן דִי אַלֶע צָרוֹת וָואס עֶר מַאכְט מִיט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

וֶוען אַ אִיד גֵייט צוּ אַ צַדִּיק, אוּן דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אִים אוֹיס אֱמוּנָה, עֶר בַּאקֶעט אִין אִים אַרַיין אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער זָאל עֶר זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף זָאל עֶר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, דַאן וֶוערְט צוּבִּיסְלֶעךְ אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט זַיין מֹחַ אוּן מַחְשָׁבָה, בִּיז עֶר הוֹייבְּט אָן מַמָּשׁ צוּ שְׁפִּירְן אוּן זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי אוֹיגְן, אוּן אַלֶע דִינִים אוּן גְבוּרוֹת וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ גְרוֹיסֶע רַחֲמִים וַחֲסָדִים. אוּן דִי בֶּעסְטֶע צַייט וָואס אִיז מְסוּגָל פַאר דֶעם אִיז אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶעמָאלְט שְׁרֵייעֶט מֶען "הַמֶּלֶךְ", מֶען אִיז מַמְלִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה זִיךְ גוּט אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין קָאפּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער מֶלֶךְ, עֶר פִירְט אַלֶעס אוּן נָאר צוּ אִים קֶען מֶען זִיךְ וֶוענְדְן, וֶועט עֶר שׁוֹין דִי גַאנְצֶע יָאר אוֹיךְ טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן.

דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן ת"ו) אַז אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וֶועמֶען עֶר קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן אַ גַאנְץ יָאר, קֶען עֶר אָבֶּער יָא הֶעלְפְן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער עִיקָר מִיט וָואס דֶער רֶבִּי הֶעלְפְט אוּנְז, אִיז מִיט דֶעם וָואס עֶר לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת, אַזוֹי וִוי מְ'וָואלְט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ אַ טַאטֶע אָדֶער אַ גוּטֶער פְרַיינְט, אוּן מִיט דֶעם בַּאקוּמֶען מִיר אַ רֵיינֶעם מֹחַ אוּן אַלֶע דִינִים וֶוערְן נִמְתָּק.

דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם, שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (בֹּא ל"ב:) אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן טָאג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס דֶעמָאלְט שְׁטֵייט יֶעדֶער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ בַּאזוּנְדֶער, אוּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה דֶעמָאלְט צוּ רָאשֵׁיכֶם, אַז עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם דִי דְרֵיי "רָאשִׁים", מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם קָאפּ צוּם צַדִּיק אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַאן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער, לְעָבְרְךָ בִּבְרִית ה' אֱלֹקֶיךָ וְגוֹ' לְמַעַן הָקִים אֹתְךָ הַיּוֹם לוֹ לְעָם וְגוֹ', מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ תִּיקוּן הַבְּרִית, תִּיקוּן הַמַּחְשָׁבָה, מְ'הוֹייבְּט אָן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע זִיסֶע יָאר.

(תּוֹךְ הַנַּחַל נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ תשס"ט)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### עֶפְּל מִיט הָאנִיג

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר דֶעם הֵיילִיגְן פָארְכְטִיגְן טָאג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוערְט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס וֶועט פַּאסִירְן צוּ אִים דִי גַאנְצֶע יָאר. יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ בְּמֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע יָאר, אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אָנְגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוּן דֶערִיבֶּער אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אוֹיסְצוּנוּצְן צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל קוּמֶען אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר.

לֵיידֶער הֶערְט מֶען אַזוֹיפִיל שְׁרֶעקֶעדִיגֶע טְרַאגֶעדִיעֶס וָואס פַּאסִירְן דֶעם גַאנְצְן יָאר, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, קֵיינֶער לֶעקְט נִישְׁט קַיין הָאנִיג אוֹיף דֶער וֶועלְט. וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען דָאס גוּט גֶעדֶענְקֶען, מֶען דַארְף זִיךְ גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז יֶעצְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דִי צַייט וֶוען מֶען קֶען דָאס אוֹיסְ'פּוּעֶלְ'ן, אוֹיבּ וֶועט מֶען אוֹיסְנוּצְן דֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן יֶעצְט וֶוען דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן גֶעלְט אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט, נֶעם דִי עֵצָה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט. אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאוואוּסְטֶער מַגִּיד רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן יַאדְלֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס עֶר פְלֶעגְט אַרוּם גֵיין אִין שׁוּלְ'ן הַאלְטְן דְרָשׁוֹת; אֵיינְמָאל אִיז צוּ אִים גֶעקוּמֶען אַ אִיד אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, מַיינֶע קִינְדֶער גֵייעֶן אוֹיס פַאר הוּנְגֶער, זֵיי וֵויינֶען פַאר בְּרוֹיט וְכוּ' וְכוּ'", זָאגְט אִים רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן: "וָואס וִוילְסְטוּ פוּן מִיר? דוּ הָאסְט דָאךְ אַ רַייכֶער טַאטֶע, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אוּן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר".

דֶער אִיד קוּקְט אָן דֶעם רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן מִיט וואוּנְדֶער אוּן זָאגְט: "מַיין טַאטֶע וָואס וואוֹינְט אִין צְפַת? וָואס קֶען עֶר מִיר שׁוֹין הֶעלְפְן? עֶר הָאט קוֹים פַאר זִיךְ צוּ לֶעבְּן?" אוּן עֶר הֵייבְּט אָן וֵויינֶען: "פַארְוָואס מַאכְט אִיר חוֹזֶק פוּן מִיר?!" זָאגְט אִים רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן: "אִיךְ מֵיין נִישְׁט דַיין טַאטֶע פוּן צְפַת, אִיךְ מֵיין דַיין טַאטֶע אִין הִימְל - דֶער גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - עֶר קֶען דִיר הֶעלְפְן! בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר", וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תָּבֹא תשפ"ה)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# נֶענְטֶער צוּם צַדִּיק, גְרֶעסֶערֶע יֵצֶר הָרָע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

ווִי נֶענְטֶער מִיר קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן - דַארְף מֶען מֶער הִתְחַזְקוּת, אוּן זִיכֶער אִין אוּמַאן דַארְף מֶען גָאר אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת, נִישְׁט מְבֻלְבָּל וֶוערְן פוּן דֶעם וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ וְכוּ' וְכוּ'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן עב): "לִפְעָמִים בָּא לָאָדָם הִרְהוּר תְּשׁוּבָה וְנַעֲשֶׂה בְּאוֹתוֹ שָׁעָה אִישׁ כָּשֵׁר, וְאַחַר כָּךְ רוֹצֶה לַעֲשׂוֹת עֲבְדָּא בַּאֲשֶׁר שֶׁנִּתְעוֹרֵר לִבּוֹ לִתְשׁוּבָה, בְּכֵן רוֹצֶה לִנְסֹעַ לְהַצַּדִּיק. וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁנּוֹסֵעַ מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַיֵּצֶר הָרָע וְנוֹפֵל מִתְּשׁוּקָתוֹ שֶׁהָיָה לוֹ תְּחִילָה, וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁבָּא לְהַצַּדִּיק מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַיֵּצֶר הָרָע עוֹד יוֹתֵר, וְאוֹבֵד כָּל חִשְׁקוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק, ווִי נֶענְטֶער עֶר קוּמְט צוּם צַדִּיק אַלְץ מֶער וֶוערְט בַּיי אִים פַארְלָאשְׁן דִי חֵשֶׁק, זָאגְט דֶער רֶבִּי: "אַל יִקְשֶׁה בְּעֵינֶיךָ זֹאת, וְאַל יְבַהֲלוּךָ רַעְיוֹנֶיךָ עַל זֶה", עֶס זָאל דִיר נִישְׁט זַיין שְׁוֶוער דֶעם עֶרְשֵׁיינוּנְג, "כִּי דַע, שֶׁזֶּה נִמְשָׁךְ מֵחֲמַת כִּי בַּתְּחִלָּה כְּשֶׁבָּא לוֹ הַהִרְהוּר תְּשׁוּבָה מֵחֲמַת הַטּוֹב שֶׁהִתְעוֹרֵר בְּתוֹכוֹ אֲזַי עַל יְדֵי מַעֲשָׂיו בְּאוֹתוֹ שָׁעָה הֵמִית יִצְרוֹ, וְנִתְבַּטֵּל יִצְרוֹ הָרַע שֶׁהָיָה לוֹ, כִּי הֱמִיתוֹ בְּזֶה הַהִרְהוּר תְּשׁוּבָה וְהָעֲבְדָּא שֶׁל אוֹתוֹ הַשָּׁעָה. וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁרוֹצֶה לִנְסֹעַ מִתְגַּבֵּר עָלָיו יֵצֶר הָרָע אַחֵר, וְיֵשׁ לוֹ עַתָּה יֵצֶר הָרָע גָּדוֹל מִמַּה שֶּׁהָיָה לוֹ תְּחִלָּה. עַל כֵּן אִם אֵינוֹ מִתְחַזֵּק נֶגְדּוֹ אֲזַי מִתְגַּבֵּר עָלָיו זֶה הַיֵּצֶר הָרָע הֶחָדָשׁ, וְנוֹפֵל מִתְּשׁוּקָתוֹ שֶׁהָיָה לוֹ תְּחִלָּה. כִּי צָרִיךְ הִתְגַּבְּרוּת חָדָשׁ בְּיוֹתֵר נֶגֶד זֶה הַיֵּצֶר הָרָע הֶחָדָשׁ שֶׁבָּא לוֹ כַּנַּ"ל", דָאס קוּמְט וַוייל ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ דְרֵייט זִיךְ בַּיי אַ צַדִּיק אַלְץ מֶער צַדִּיק וֶוערְט עֶר, אוּן דֶערְפַאר בַּאקוּמְט עֶר אַ גְרֶעסֶערֶע אוּן שְׁוֶוערֶערֶע יֵצֶר הָרָע, מְמֵילָא דַארְף עֶר זִיךְ מֶער שְׁטַארְקְן.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ וֶועל אָנְקוּמֶען דִיר צוּ זֶען פָּנִים בְּפָנִים אֵיידֶער מִיר פָּארְן, אִיךְ ווִיל דִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן אוֹיף וָואס אִיז גֶעוֶועןְ דִי יָאר, זַיי מִיר דַן לְכַף זְכוּת וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיךְ אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נִצָּבִים תשפ"ה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה חֵלֶק שֵׁנִי

ט. יֵשׁ תְּפִלּוֹת שֶׁאֵינָם נִתְקַבְּלִים לְמַעְלָה אֶלָּא עַד שֶׁנּוֹתְנִים כָּל כָּךְ מָעוֹת לִצְדָקָה כְּפִי מִסְפַּר הָאוֹתִיּוֹת שֶׁל הַתְּפִלָּה הַשַּׁיָּךְ לְזֶה הַדָּבָר. לְמָשָׁל, כְּשֶׁמִּתְפַּלֵּל אֵלּוּ הַתֵּבוֹת: "תֵּן לִי בָנִים", צָרִיךְ לִתֵּן צְדָקָה כְּמִסְפַּר אוֹתִיּוֹת "תֵּן לִי בָּנִים". עֶס זֶענֶען דָא תְּפִלּוֹת וָואס וֶוערְן נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען אִין הִימְל נָאר בִּיז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה אַ צִיפֶער פוּן גֶעלְט לוֹיט ווִיפִיל אוֹתִיּוֹת עֶס זֶענֶען דָא אִין דִי תְּפִלָּה פַאר דִי זַאךְ. צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן "תֵּן לִי בָּנִים", גֶעבּ מִיר קִינְדֶער, דַארְף מֶען גֶעבְּן צְדָקָה דִי צִיפֶער פוּן דִי אוֹתִיּוֹת "תֵּן לִי בָּנִים".

י. עַל יְדֵי תְּפִלָּה יָכוֹל לְשַׁנּוֹת זִוּוּגוֹ הַנִּכְרָז בַּשָּׁמַיִם. מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען טוֹישְׁן דֶעם שִׁידוּךְ וָואס אִיז גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶערוּפְן פַאר אִים אִין הִימְל.

<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

אַז דָאס יָאר זָאל מֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן אַזוֹי שְׁטַארְק מוּטְשֶׁען, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר, אוּן מֶען וֶועט נִישְׁט ווִיסְן פוּן קַיין צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט פַאר אַ שְׁוֶוערֶע גֶערִיכְט פְּרָאצֶעס. עֶר וֵוייסְט אַז זַיין גוֹרָל לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם רִיכְטֶער. דֶער רִיכְטֶער הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן אַ הַארְבְּן שׁוּלְד-אוּרְטֵייל, אוּן עֶר קֶען פַארְ'מִשְׁפָּטְ'ן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט גָאר הַארְבֶּע שְׁטְרָאפְן, אָדֶער קֶען דֶער רִיכְטֶער רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיפְ'ן מֶענְטְשְׁן אוּן אִים בַּאגַאנַאדִיגְן אוּן אִים אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיף דֶער פְרֵיי. וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ זִיכֶער גֶעוָוארְפְן צוּ דִי פִיס פוּנֶעם רִיכְטֶער אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר רַחֲמָנוּת, אַז עֶר זָאל אִים נָאר אוּרְטֵיילְן אוֹיף אַ גוּטֶע אוּן רַחֲמָנוּת'דִיגֶע וֶועג.

זִיכֶער וָואלְט מֶען אוֹיפְגֶעזוּכְט דֶעם בֶּעסְטְן אַדְוָואקַאט, וָואס הָאט דֶעם שְׁפְּרַאךְ אוּן עֶר הָאט חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם רִיכְטֶער. אוּן מֶען וָואלְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אַדְוָואקַאט אַז עֶר זָאל טוּן דָאס מֶערְסְטֶע וָואס עֶר קֶען, עֶר זָאל אוֹיס'פּוֹעלְ'ן בַּיים רִיכְטֶער אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְגֶעבְּן אַ פְּסַק וָואס זָאל זַיין דָאס בֶּעסְטֶע פַארְ'ן מֶענְטְשׁ.

גֶענוֹי דָאס אִיז וָואס עֶס פַּאסִירְט אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוּנְזֶער רִיכְטֶער, עֶר מִשְׁפָּט יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס זָאל קוּמֶען אוֹיף אִים, עֶס לִיגְט נָאר אִין זַיינֶע הֶענְט צִי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל ח"ו פַארְאוּרְטֵיילְט וֶוערְן צוּ שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, אָדֶער זָאל עֶר גֶע'מִשְׁפָּט וֶוערְן מִיט חֶסֶד אוּן רַחֲמִים, אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַ לִיכְטִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע יָאר.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים, אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז, אוּן זָאל אוּנְז אָנְשְׁרַייבְּן אוּן מִשְׁפָּטְ'ן מִיט רַחֲמָנוּת, נָאר מִיט גוּטֶע זַאכְן פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר.

### אַ גוּטֶער אַדְוָואקַאט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט עֶר זַיין אַ גוּטֶער אַדְוָואקַאט פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז מֶען זָאל אָנְשְׁרַייבְּן פַאר אִים אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז נָאךְ אִין דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נֶעמְט עֶר מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר מַאכְט זִיכֶער אַז זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן נָאר בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע יָאר.

דֶערִיבֶּער דַארְף זִיךְ אַ פְּרוֹי זֵייעֶר פְרֵייעֶן וֶוען אִיר מַאן אִיז זוֹכֶה צוּ פָּארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, אוּן זִיךְ דָארְט אוֹיסְבֶּעטְן אַלֶעס גוּטְס. וָואס קֶען דֶען זַיין אַ בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נֶעמְט אוּנְז אוֹיף זַיינֶע פְּלֵייצֶעס, עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי אַלֶע אִידְן וָואס קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר זֶעט אַז דִי אִידְן זָאלְן אַהֵיים פָּארְן מִיט זֶעק אוּן פֶּעק פוּן יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת, אוּן הָאבְּן אַן אֶמֶת'עֶ גוּטֶע יָאר.

אַוַודַאי אִיז עֶס נִישְׁט גְרִינְג. עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ בְּלַייבְּן אַלֵיין אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי קִינְדֶער אוֹיף יוֹם טוֹב. וֶוען מֶען טְרַאכְט אָבֶּער אַבִּיסְל אַרַיין, זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען דִי גַאנְצֶע יָאר מִיט פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וֶוען אַ פְּרוֹי זָאל וֶוען ווִיסְן אַז דִי גַאנְצֶע פַּרְנָסָה וָואס זִי וֶועט הָאבְּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר גֵייט מֶען אָנְשְׁרַייבְּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואלְט זִי דֶען גֶעקוּקְט אוֹיף חַבֶר'טֶעס וֶועלְכֶע וֶועלְן אֶפְשָׁר קְרִימֶען מִיט דִי נָאז אַז אִיר מַאן אִיז גֶעפָארְן אוֹיף אוּמַאן? מִיט וָואס וֶועט אִיר דִי חַבֶר'טֶע הֶעלְפְן וֶוען זִי וֶועט זִיךְ מוּטְשֶׁען מִיט פַּרְנָסָה? זִי וֶועט אִיר נָאר קֶענֶען צוּשָׁאקְלְן דִי קָאפּ מִיט רַחֲמָנוּת. אָבֶער אַז אִיר מַאן וֶועט פָּארְן אוֹיף אוּמַאן, וֶועט עֶר אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר.

אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן דִי גֶעזוּנְט פוּן דִי קִינְדֶער, פוּן דִי נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, דָאס אַלֶעס וֶוערְט דָאךְ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה. עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁט גְרִינְג זִיךְ צוּ דַארְפְן אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אִין דִי פָּאר טֶעג וָואס דֶער מַאן פָּארְט אוֹיף אוּמַאן. אָבֶער עֶס אִיז פִיל גְרִינְגֶער ווִי זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען מִיט דִי קִינְדֶער דִי גַאנְצֶע יָאר.

אַז דִי מֶענֶער פָּארְן אוֹיף אוּמַאן, וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ אוֹיס'פּוֹעלְ'ן צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת דִי גַאנְצֶע יָאר. אִין דִי וֶועלְט אִיז אַיינְגֶעפִירְט אַז דֶער מַאן פָּארְט אַמָאל אַוֶועק פַאר אַ וָואךְ צְוֵויי אוֹיף וַואקַאצְיֶע אָן דִי וַוייבּ, עֶר פָּארְט בְּלוֹיז מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים. אוּן דֶערְנָאךְ פָּארְט דִי וַוייבּ אַוֶועק וַואקַאצְיֶע מִיט אִירֶע חַבֶר'טֶעס. דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער אַנְדֶערְשׁ גֶעלֶערְנְט. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז אַ מַאן זָאל נָאר פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זַיין וַוייבּ, אוֹיבּ פָּארְט מֶען אוֹיף וַואקַאצְיֶע זָאל מֶען פָּארְן מִיט דִי וַוייבּ. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז שָׁלוֹם בַּיִת, אַז מֶען זָאל זִיךְ פַארְשְׁטֵיין מִיט דִי מֶענֶער. אוּן דֶערִיבֶּער אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט עֶר זִיכֶער עֶרְלֶעדִיגְן אַז מֶען זָאל טַאקֶע הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת דִי גַאנְצֶע יָאר, אַז עֶס זָאל הֶערְשְׁן שָׁלוֹם אוּן הַארְמָאנְיֶע שְׁטֶענְדִיג אִינְדֶערְהֵיים.

### אוּמַאן אִין דִי צֵייטוּנְגֶען

אִין דִי צֵייטוּנְגֶען אוּן אִין דִי פּוּבְּלִיקַאצִיעֶס, וֶוערְט אוּמַאן אַרָאפְּגֶעמָאלְן אַלְס אַ פְּלַאץ פוּן מְשׁוּגָעִים. נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועלְן זֵיי אֵייבִּיג בְּרֶענְגֶען בִּילְדֶער פוּן מָאדְנֶע מֶענְטְשְׁן אִין אוּמַאן. דִי סִיבָּה דֶערְצוּ אִיז וַוייל עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט

<<<<<<

<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ בְּרֶענְגֶען בִּילְדֶער וְוִי אַ אִיד שְׁטֵייט בַּיים הֵיילִיגְן צִיוּן אוּן גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ בְּרֶענְגֶען אַ בִּילְד וְוִי אַ אִיד זִיצְט אוּן רֶעדְט צוּם רֶבִּי'ן אוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר בֶּעט זִיךְ אוֹיס אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר. דֶערִיבֶּער זוּכְן זֵיי דַוְקָא צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע סָארְט מָאדְנֶע בִּילְדֶער.

דָאס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת, וַוייל דָאס מַאכְט לַיידֶער אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. מֶענְטְשְׁן הוֹיבְּן אָן מוֹרָא צוּ הָאבְּן צוּ שִׁיקְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוֹיף אוּמַאן, פְּרוּוֶען הָאבְּן מוֹרָא צוּ שִׁיקְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער אוֹיף אוּמַאן. אוּן דָאס אַלֶעס גֵייט אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי אוּמְפַארַאנְטְוָוארְטְלִיכֶע רֶעדַאקְטָארְן.

אֵיינֶער וָואס אִיז שׁוֹין אָבֶּער אַמָאל גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת וָואס דָארְט גֵייט פָאר. אִידְן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם פוּן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן יֶעדֶער קוּמְט נָאר מִיט אֵיין צִיל צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַוֶועק צוּ וַוארְפְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן פוּן בִּיז יֶעצְט, אוּן זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער אוּן זִיךְ אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר.

אַוַדַאי אַז עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַזוֹיפִיל אִידְן, עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אִידְן פוּן יֶעדְן עֶק וֶועלְט, פוּן אַלֶע סָארְט שִׁיכְטְן אוּן קְרֵייזְן, זֶעט עֶס אוֹיס אִינְטֶערֶעסַאנְט. אָבֶּער דִי אַלֶע אִידְן הָאבְּן אִין זִיךְ אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, אוּן זֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶער אוֹיף זַיין שְׁטֵייגֶער.

אוּמַאן אִיז אַזוֹי וְוִי אַ שְׁפִּיטָאל. עֶס קוּמֶען זִיךְ הֵיילְן אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן. יֶעדֶער קוּמְט פַאר זַיין צְוֶועק אוּן מֶען קֶען קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן. דָאס אִיז אַזוֹי וְוִי אֵיינֶער הָאט אַ קְלֵיינֶעם גֶעזוּנְט פְּרָאבְּלֶעם אוּן עֶר גֵייט זִיךְ הֵיילְן אִין שְׁפִּיטָאל, אָבֶּער אָנְקוּמֶענְדִיג דָארְט זֶעט עֶר וְוִי טֵייל מֶענְטְשְׁן לִיגְן מִיט אִינְטֶערְוֶוינֶעס, טֵייל זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַאשִׁינֶען, אֵיינֶער אִיז פַארְבִּינְדֶען אַן אוֹיג, אַ צְוֵוייטֶער דַארְף הָאבְּן הִילְף צוּ גֵיין. אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוּן עֶר וִויל נָאר אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן שְׁפִּיטָאל. דָאס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר נַארִישׁ, דוּ בִּיזְט טַאקֶע גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן פַאר דַיין קְלֵיינֶע פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער עֶס זֶענֶען דָא אַנְדֶערֶע וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן פַאר גְרֶעסֶערֶע אוּן אַנְדֶערֶע סָארְט פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן יֶעדֶער וֶוערְט גֶעהֵיילְט אוֹיף זַיין אֵייגְנַארְטִיגֶע וֶועג.

אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אַ צְוֵוייטְן. עֶר אִיז גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן, אוּן נָאר אוֹיף דֶעם דַארְף עֶר זִיךְ קָאנְצֶענְטְרִירְן. וֶוען אַ קְלוּגֶער אִיד גֵייט אוֹיף אוּמַאן, קוּקְט עֶר נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נָאר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין אוּן עֶר נוּצְט אוֹיס דִי צַייט זִיךְ אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַלֶעס גוּטְס.

וֶוען עֶס קוּמְט יֶעצְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט אַ פְּרוֹי מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן אִיר מַאן אַז עֶר זָאל פָארְן אוֹיף אוּמַאן אוּן אַהֵיים בְּרֶענְגֶען אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת. אַ וואוֹילֶע פְּרוֹי וֶועט שֵׁיין אַיינְפַּאקְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף יוֹם טוֹב פַאר אִיר מַאן, אוּן זִי וֶועט אִים אוֹיךְ מִיטְגֶעבְּן אַ צֶעטְל מִיט אַלֶע בַּקָשׁוֹת, אַ לִיסְטֶע פוּן אַלֶע זַאכְן אִין וָואס זִי נוֹיטִיגְט זִיךְ, אוּן אִים אָנְזָאגְן אַז דֶעם צֶעטְל זָאל עֶר מִיטְנֶעמֶען צוּם הֵיילִיגְן צִיוּן, אוּן זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְרִירְן פוּן דָארְט אֵיידֶער עֶר הָאט אוֹיסְגֶע'פּוֹעֶלְ'ט דִי אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

### שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# מְ'קֶען הִיטְן אוֹיף קִינְדֶער אִין אוּמַאן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בָּרוּךְ ה' דָאס יָאר אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט, אִיךְ הָאף צוּ בְּרֶענְגֶען קוּמֶענְדִיגֶע יָאר מַיינֶע דְרֵיי גְרוֹיסֶע אִינְגְלֶעךְ.

אִיךְ בִּין אָבֶּער זֵייעֶר נֶערְוֶועז, וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אִין דִי גַאסְן דָארְט פַאר יוֹם טוֹב אוּן אוֹיךְ אִין יוֹם טוֹב, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וְוִי אַזוֹי מְ'קֶען בִּכְלַל בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אִין אוּמַאן, אַז זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן דָארְטְן?

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רט): "אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן", אוּן ר' נָתָן שְׁרַייבְּט אַז דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע בְּרֶען אוּן מִיט אַ הִתְלַהֲבוּת.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, אַז וָואס עֶלְטֶערְן גֶעבְּן פַאר קִינְדֶער - קֶען קֵיינֶער נִישְׁט גֶעבְּן, אוּן חִינוּךְ וָואס קִינְדֶער בַּאקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ, אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט; וְוִיפִיל אִיךְ פְּרוּבִּיר אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין דִי בָּחוּרִים וָואס לֶערְנֶען בַּיי מִיר אִין יְשִׁיבָה יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת, זֶע אִיךְ, אַז דִי בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען פוּן גֶעזוּנְטֶע שְׁטִיבֶּער וואוּ מֶען הָאט זֵיי מְחַנֵךְ גֶעוֶוען - אִיז גְרִינְגֶער צוּ אַרְבֶּעטְן וְוִי מִיט בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטִיבֶּער וָואס קֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען.

גֶעבּ אַ קוּק לְמָשָׁל 'נֶעגְל וַואסֶער'; עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן מְחַנֵךְ גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער אָפְּצוּגִיסְן 'נֶעגְל וַואסֶער', דִי טַאטֶע אוּן מַאמֶע זֶענֶען שְׁטַארְק מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם, אוּן זֵיי זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט יֶעדֶע נַאכְט פַאר דִי קִינְדֶער: "קִינְדֶער אָנְגְרֵייטְן 'נֶעגְל וַואסֶער' אוּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע", דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, אוּן זֵיי וֶועלְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן 'נֶעגְל וַואסֶער'. אוּן דָאס זֶעלְבֶּע אִיז פַארְקֶערְט; קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אִין אַ שְׁטוּבּ וָואס עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פוּן קַיין 'נֶעגְל וַואסֶער' צוּ זָאגְן, דִי קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט אָפְּגִיסְן קַיין נֶעגְל וַואסֶער. אִיךְ זֶע עֶס אִין קֶעמְפּ וֶוען אִיךְ לֵייג שְׁלָאפְן דִי בָּחוּרִים, וְוִיפִיל אִיךְ זָאל זִיךְ בֶּעטְן בַּיי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער אִיז עֶס וְוִי דוּ רֶעדְסְט צוּ טוֹיבֶּע אוֹיעֶרְן, עֶר קוּקְט דִיר אָן וְוִי אֵיינֶער וָואס רֶעדְט זַאכְן פוּן דִי לְבָנָה, וַוייל עֶר הָאט עֶס נִישְׁט גֶעזֶען בַּיי זַיינֶע עֶלְטֶערְן, מַה שֶׁאֵין כֵּן דִי בָּחוּרִים וָואס בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ גִיסְט מֶען זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, צוּ זֵיי קֶען מֶען רֶעדְן, זֵיי קֶען מֶען מְחַזֵק זַיין וְכוּ', אוּן אַזוֹי אִיז אִין יֶעדֶע פְּרַט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, עֶר וִויל מֶען זָאל אִים רוּפְן מִיט זַיין מַאמֶע'ס נָאמֶען 'רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא', פַארְוָואס? וַוייל זַיין עִיקָר יִרְאַת שָׁמַיִם הָאט עֶר גֶענוּמֶען פוּן זַיין מַאמֶע. וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן הָאט זִי גְלַייךְ אָפְּגֶעגָאסְן דֶעם רֶבִּי'ן נֶעגְל וַואסֶער, אוּן אוֹיךְ הָאט זִי גֶענֵייט אַ קַאפְּל בִּשְׁעַת זִי הָאט גֶעוַוארְט דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן זִי הָאט אָנְגֶעטוּן דֶעם רֶבִּי'ן מִיט אַ קַאפְּל גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן. אַזוֹי אוֹיךְ פְלֶעגְט זִי נֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן מִיטְן קֶערִידְזְשׁ אוּן גֵיין צוּם צִיוּן פוּן אִיר זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִתְפַּלֵל זַיין דָארְט; זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז וָואס עֶלְטֶערְן גֶעבְּן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער קֶען קֵיינֶער אַנְדֶערְשׁ נִישְׁט גֶעבְּן.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן, וְוִי לְמָשָׁל דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן; אַ קִינְד וָואס וַואקְסְט אוֹיף אִין אַ שְׁטוּבּ וָואס אַלֶעס וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט וֶוען מֶען דַארְף גֵיין דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אַזַא קִינְד וֶועט אוֹיךְ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג. אוּן אַ טַאטֶע וָואס גֵייט נִישְׁט אִין שׁוּל דַאוֶונֶען אַ גַאנְצֶע וָואךְ, וֶועט זַיין קִינְד אוֹיךְ נִישְׁט גֵיין דַאוֶונֶען, אוּן עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן אַז מֶען וֶועט זָאגְן פַארְ'ן בָּחוּר גֵיי דַאוֶונֶען, וַוייל עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז טַאטִי דַאוֶונְט נִישְׁט וְכוּ'.

אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן וָואס אַ בָּחוּר הָאט מִיר גֶעזָאגְט יָארְן צוּרִיק: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קוּמְט פוּן אַ שְׁטוּבּ וְוִי יֶעדֶער דַאוֶונְט, אִיךְ קוּם פוּן אַ שְׁטוּבּ וואוּ מֶען דַאוֶונְט נִישְׁט; מַיין טַאטֶע טוּט אָן תְּפִילִין אִין שְׁטוּבּ, עֶר גֵייט נִישְׁט אִין שׁוּל אַ גַאנְצֶע וָואךְ - נָאר שַׁבָּת (נִישְׁט צוּם דַאוֶונֶען, נָאר צוּ דִי חֲבֵרִים, טְרִינְקֶען וְכוּ'), מַיין טַאטֶע טוּט אָן תְּפִלִין וֶוען עֶר אִיז נָאךְ מִיט דִי אוּנְטֶער וֶועשׁ, פַארְוָואס שְׁרֵייט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף מִיר וֶוען אִיךְ דַאוֶון נִישְׁט?"

<<<<<<

<<<<<< שו"ת ברסלב

דֶערְפַאר, אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶועֶן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דוּ הָאסְט זִיךְ אַרוּם גֶעדְרֵייט אִין דִי גַאסְן פַאר יוֹם טוֹב אוּן אוֹיךְ אוּם יוֹם טוֹב, אוּן דוּ זָארְגְסְט זִיךְ וֶועגְן דַיינֶע קִינְדֶער; וָואס ווילְסְטוּ פוּן דַיינֶע קִינְדֶער וֶוען דוּ אַלֵיין דְרֵייסְט זִיךְ אַרוּם אִין אַלֶע גַאסְן וְכוּ'? אַז דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, דוּ וֶועסְט אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט אִין אוּמַאן, דֶעמָאלְט וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער דִיר נָאכְמַאכְן אוּן אוֹיךְ אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט.

אִיךְ הָאף אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ עֶנְטְפֶער דִיר וְכוּ', וֶוען דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אַרוּם גֶעדְרֵייט אִין אַלֶע גַאסְן ה' יְרַחֵם, וֶוען אַלֶע גַאסְן זֶענֶען אוֹיסְגֶעלַאסְן וְכוּ'; חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיינְס, אַז מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען גֵייט אִין שׁוּל דַאוֶונֶען, אוּן מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג, אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

ר' נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז מִיר חָשׁוּב צוּ מְחַנֵךְ זַיין זַיינֶע קִינְדֶער, פּוּנְקְט וִוי אוֹיפְשְׁטֵיין בַּיי חֲצוֹת אוּן זָאגְן 'תִּיקוּן חֲצוֹת'"; וַוייל אַז מֶען ווִיל אוֹיפְשְׁטֵיין בַּיי חֲצוֹת זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת, דַארְף מֶען זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן פְּרִי, אוּן ר' נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין שְׁלָאפְן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער קוֹמֶען אַהֵיים, וַוייל עֶר הָאט זֵיי גֶעוָואלְט מְחַנֵךְ זַיין, עֶר הָאט גֶעוָואלְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע מִיט זֵיי, זֵיי מְחַנֵךְ זַיין צוּ מַאכְן נָאךְ בְּרָכוֹת, אוּן אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער וְכַדוֹמֶה. וַוייל אַ קִינְד וָואס זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים שַׁיינֶערְהֵייט דֶערְמַאנְט נַאכְט נָאךְ נַאכְט צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אִיז אִים גְרִינְגֶער דָאס צוּ טוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. אַוַדַאי דַארְף יֶעדֶער מֶענְטְשׁ חִיזוּק, אוּן יֶעדֶע מֶענְטְשׁ הָאט אַ יֵצֶר הָרָע וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער מִיט אַ גוּטֶע חִינוּךְ אִיז דִי יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אִידִישְׁקֵייט אַיינְגֶעבַּאקְן אִין הַארְצְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נֹחַ תשע"ח)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רכג)

**אִין קוּרְצְן: דֶער רֶבִּי אִיז אִין לֶעמְבֶּערְג, וואוּ עֶר קוּמְט צוּ דִי כּוּחוֹת אוּן רֶעדְט אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה**

**תשמו**

דֶעמָאלְט הָאט אוֹיךְ פַּאסִירְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְט אַסַאךְ מָאל, אַז עֶס אִיז גֶעוֶועֶן בַּיי אִים אַ בַּדְחָן וָואס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְט בַּדְחָנוּת, אוּן אִינְמִיטְן זַיינֶע בַּדְחָנוּת זִינְגֶען אוּן גְרַאמֶען הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "דֶער אַלְטֶער, אַלְטֶער, אַלְטֶער גָאט", אוּן דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אִיבֶּערְזָאגְן דָאס וָוארְט "אַלְטֶער" אַסַאךְ מָאל, אַזוֹי וִוי דֶער בַּדְחָן הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶע'חַזְרְ'ט פִיל מָאל.

עֶס אִיז גֶעוֶועֶן זֵייעֶר קְלָאר וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי מַעֲשֶׂה, אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס עֶר אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶועֶן אוּן וֶועט אֵייבִּיג זַיין, אוּן אוּנְזֶער אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאבְּן מִיר מְקַבֵּל גֶעוֶועֶן פוּן אוּנְזֶער עֶלְטֶער זֵיידֶעס אַרוֹיף בִּיז צוּ דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים.

דִי וָואס הָאבְּן עֶס גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער רֶבִּי מֵיינְט צוּ זָאגְן מִיט דִי מַעֲשֶׂה, אָבֶער יֶעצְט קֶען מֶען עֶס אוֹיךְ אַבִּיסְל פַארְשְׁטֵיין. דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, אוּן יֶעדֶעס מָאל הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶע'חַזְרְ'ט דָאס וָוארְט "אַלְטֶער" אַסַאךְ מָאל.

**תשמז**

**רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת** אִיז גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דֶעם רֶבִּי'ן אֵיינֶער פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן מִיטְ'ן נָאמֶען ר' יַעֲקֹב פוּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "זֵייעֶר גוּט אַז בִּיסְט גֶעקוּמֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ אַהֶער גֶעבְּרֶענְגְט. אִיךְ ווִיל דִיר צוּרִיק שִׁיקְן מִיט אַ שְׁלִיחוּת צוּ אוּנְזֶער לַאנְד צוּ דְרוּקְן דָארְט מַיין סֵפֶר, וָואס אִיךְ הָאבּ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן". ר' יַעֲקֹב אִיז גְלַייךְ גֶעפָארְן זִיךְ נָאכְצוּפְרֶעגְן אוּן גֶעוואוֹיר וֶוערְן אִיבֶּער דְרוּקֶערְס, אוּן אַלֶעס וָואס הָאט צוּטוּן מִיט דְרוּקֶערֵיי.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

**נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'**

# רבני הכולל פארהערן זיך גאנץ הלכות שבת ביי גדולי הרבנים שליט"א

אין א געוואלדיגע דערגרייכונג האבן די אינגעלייט פונעם כולל היכל הקודש אינעם שטעטל געענדיגט אין די טעג די קאמפליצירטע הלכות פון הלכות שבת, און פינף אינגעלייט האבן זיך געלאזט פארהערן ביי גרויסע רבנים.

די פארהערן זענען אפגעהאלטן געווארן במשך עטליכע טעג, ווי די יונגע רבנים פון כולל האבן זיך ארויסגעוויזן צו האבן קונה געווען די פילע סימנים פון הלכות שבת, וואס נעמט אריין גאר אסאך אנדערע שווערע סוגיות.

מאנטאג איז דער כולל אראפ געפארן קיין מאנסי צו הרה"צ ר' אברהם וויינגארטן שליט"א, דינסטאג איז מען געווען ביי הרה"צ ר' מיכל שטיינמעץ שליט"א דער סקווירער דיין אין בארא פארק, שפעטער איז מען געפארן קיין מאנסי צום דיין הרה"צ ר' אלטר אליעזר הורוויץ שליט"א ראש הכולל ליזענסק, און מיטוואך איז מען געווען ביים קארלסבורגער רב שליט"א אין בארא פארק, דער פאטער פונעם ראש ישיבה שליט"א.

יעדע דיין האט פארהערט אויף זיין וועג, טייל האבן געפרעגט שאלות פון די אברכים איינע נאכ'ן צווייטן, אנדערע האבן ארויפגעברענגט שווערע שאלות און אריינגעפירט די אינגעלייט אין א תורה הלכה שמועס, אבער אלע זענען פה אחד נתפעל געווארן פון די אינגעלייט ווי שיין זיי האבן קונה געווען די הלכות, אבער מער פון דעם, האט די תורה זיי געלערנט, מען האט געזען איידעלע אינגעלייט וואס יראתם קודמת לחכמתם, און זענען ראוי צו פסק'ענן שאלות פאר אידישע קינדער.

די פינף אינגעלייט וואס האבן זיך פארהערט זענען הרב יחזקאל שארף שליט"א, הרב שרגא שטראסער שליט"א, הרב אלחנן רוטה שליט"א, הרב הערשל בוים שליט"א, און הרב יצחק פעלדמאן שליט"א.

בראש פונעם כולל שטייט דער דיין הרה"ג ר' יונה זינגער שליט"א, וואס האט באגלייט די אינגעלייט און זיי געהאלפן אנקומען ביז אהער, אונטער די פירערשאפט פונעם דיין האט דער כולל זיך משלים געווען אין הלכות שבת במשך פיר יאר.

לויטן פלאן וועט מען יעצט אנהייבן אינעם כולל די וויכטיגע הלכות פון יורה דעה חלק א', ווי די אינגעלייט וועלן עס לערנען און קונה זיין במשך די קומענדיגע תקופה, מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף.


## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך

## ימים נוראים

**שיעורים, דרשות, לימודים, נוסח, און נאך, זיך צוצוגרייטן מיט די ריכטיגע הכנה צו די הייליגע טעג וואס שטייען שוין ביים שוועל**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 1**


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אשר ראנד** הי"ו קרית ברסלב

**חשובער מלמד אין אונזערע הייליגע מוסדות**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **אברהם דאנציגער** הי"ו קרית טאהש

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**